מטות מסעי תשפ"ה
גליון 247

# דעם רבינ'ס ליכט



**אַייֶערע קינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן** (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

קינְדֶערלֶעךְ, לָאמִיר זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אַז עֶס שְׁטֵייט אַ גְרוֹיסֶע שֵׁיינֶע זַאל, אוֹיסְגֶעצִירְט מִיט גָאר שֵׁיינֶע בִּילְדֶער אוּן וֶוען אַ אִיד טוּט עֶפֶּעס אַ מִצְוָה אָדֶער אַ גוּטֶע זַאךְ גְלַייךְ גֵייט דִי מִצְוָה אַרַיין אִין דֶעם שֵׁיינֶעם בִּנְיָן אוּן עֶס וֶוערְט פוּן דֶעם הֶערְלִיכֶע קָאלִירְטֶע בִּילְדֶער, שֵׁיינֶע מָאלֶערַייעֶן אוּן פָארְהַאנְגֶען א.ד.ג. וֶוער קֶען זִיךְ אוֹיסְמָאלְן דָאס שֵׁיינְקַייט פוּן דֶעם בִּנְיָן.

דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "בֵּית קָדְשֵׁנוּ וְתִפְאַרְתֵּנוּ", אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער וואוּנְדֶערְלִיכֶער הוֹיז" וַוייל דָארְט פְלֶעגְט שַׁיינֶען אוּן לַייכְטְן דִי מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּן מִצְוֶוה'לֶעךְ פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוּן מִצְוֹת וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעטוּן אִיז אַרוֹיף אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּן אִיז גֶעוָוארְן דָארְטְן אוֹיסְגֶעמָאלְן פוּן דֶעם הֶערְלִיכֶע קָאלִירְן אוּן בִּילְדֶער. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען דָארְט דֶער מְקוֹר פוּן דִי תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה כִּי יִפָּלֵא מִמְּךָ דָבָר.. וְקַמְתָּ וְעָלִיתָ אֶל הַמָּקוֹם.



יֶענֶע צַייטְן אוֹיבּ אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶוען פַאר אַ אִיד עֶפֶּעס אַ שְׁאֵלָה אִין דִי תּוֹרָה אִיז עֶר אַרוֹיף קַיין יְרוּשָׁלַיִם אוּן דָארְט אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ זֶענֶען גֶעזֶעצְן דִי הֵיילִיגֶע סַנְהֶדְרִין אִין לִשְׁכַּת הַגָּזִית, דָארְט הָאט מֶען מְבָרֵר גֶעוֶוען אַלֶע הֲלָכוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן בַּאקוּמֶען עֵצוֹת וִויאַזוֹי צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי תּוֹרָה בִּשְׁלֵמוּת.

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ גֶעוֶוען דָאס דַאוֶוענֶען בִּשְׁלֵמוּת. אַזוֹי וִוי סְ'שְׁטֵייט "וּבָאוּ וְהִתְפַּלְלוּ אֶל הַבַּיִת הַזֶּה" (דִּבְרֵי הַיָּמִים ב' ו, לב), אַזוֹי אוֹיךְ בַּיים דַאוֶוענֶען זָאגְט מֶען "כִּי בֵיתִי בֵּית תְּפִלָּה יִקָּרֵא לְכָל הָעַמִּים.

דוּרְךְ דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָאבְּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער גֶעהַאט אַ שֵׁיינְקַייט, וַוייל דָארְט אִיז פַארְצַייט גֶעוָוארְן אַלֶע זִינְד פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דִי אִידְן הָאבְּן גֶעהַאט אַ גֶעוַואלְדִיגְן הִתְפָּאֲרוּת, אַלֶע פֶעלְקֶער הָאבְּן גֶעוואוּסְט אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט זַיין פָאלְק.

אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן קְלָאגְן מִיר אוּן מִיר בֶּענְקֶען זִיךְ צוּ דֶעם, מֶען פִּירְט זִיךְ דִינִים אוּן הֲלָכוֹת פוּן דִי דְרַיי וָואכְן צוּ וַוייזְן אַז מִיר זֶענֶען זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, נָאר מִיר הָאפְן יֶעדְן טָאג אוֹיף דִי גְאוּלָה, אַזוֹי וִוי רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ בְּרֶענְגְט אִין אָנְהֵייבּ מְגִלַּת אֵיכָה "הָיְתָה כְּאַלְמָנָה", כְּלַל יִשְׂרָאֵל זֶענֶען אִיצְטֶער

אַזוֹי וִוי אַן אַלְמָנָה, נִישְׁט אַן אַלְמָנָה מַמָּשׁ, נָאר אַזוֹי וִוי אַ פְרוֹי וָואס אִיר מַאן אִיז אַוֶועק גֶעפָארְן אוֹיף גָאר אַ וַוייטֶע וֶועג אוֹיף זַייעֶר אַ לַאנְגֶע צַייט, אוּן זַיין פְרוֹי וַוארְט אוּן בֶּענְקְט צוּ אִים.

אַזוֹי אוֹיךְ כְּלַל יִשְׂרָאֵל וַוארְטְן שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל שׁוֹין קוּמֶען צוּרִיק אַהֵיים מִיט אוּנְז, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר דִי אַלֶע וָואס קְלָאגְן אוּן בֶּענְקֶען אוּן וַוארְטְן אוֹיף דִי גְאוּלָה אַז עֶר וֶועט זֵיי צוּרִיק גֶעבְּן דָאס שֵׁיינְקַייט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט לָתֵת לָהֶם "פְּאֵר" תַּחַת "אֵפֶר".

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז בִּזְכוּת אוּן מִיטְן כֹּחַ פוּן דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן וֶועלְכֶע זֶענֶען מְקַיֵּים בִּפְשִׁיטוּת דִי הֲלָכוֹת פוּן בֵּין הַמְּצָרִים, זֵיי הָאפְן צוּ דִי גְאוּלָה זָאלְן מִיר שׁוֹין זוֹכֶה זַיין דָאס יָאר צוּ זֶען דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מִיט אִיר פְּרַאכְט בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן.

# איין מעשה'לע

*דער באשעפער באווייזט וואונדער פאר זיינע ליבע קינדער*

לִכְבוֹד דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְט,

אִיךְ ווִיל נֶעמֶען דִי גֶעלֶעגְנְהַייט אַייךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַייעֶר הֶערְלִיכֶע אַרְבֶּעט וָואס אִיר לֵייגְט אַרַיין. בַּיי אוּנְז הֵייסְט דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין קִינְדֶערִישֶׁע אוֹיסְגַאבֶּע, גְרוֹיס אוּן קְלֵיין הָאבְּן הֲנָאָה דֶערְפוּן. אִיר הָאט אַ מַתָּנָה צוּ נֶעמֶען דִי הוֹיכֶע תּוֹרוֹת פוּן רֶבִּי'ן אוּן אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען אַזוֹי קְלָאר אַז סַיי קִינְדֶער אוּן אוֹיךְ דֶערְוַואקְסֶענֶע קֶענֶען הֲנָאָה הָאבְּן דֶערְפוּן.

מַיין טַאטֶע הָאט אוֹיךְ הֲנָאָה אַז עֶר קֶען פָארְלֶערְנֶען דִי סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת בַּיים טִישׁ גְרִינְגֶערְהֵייט, עֶר בְּרוֹיךְ נִישְׁט אַפִּירְזוּכְן סְפָרִים אוּן בְּלֶעטֶערְן ווּאוּ מֶען הָאלְט, נָאר עֶר קֶען גְלַייךְ דֶערְצֵיילְן פוּן בְּלַאט. אוּן דִי שְׁאֵלוֹת מַאכְט נָאר מֶער אִינְטֶערֶעסַאנְט דִי דֶערְצֵיילוּנְגֶען. מִיר ווֵייסְן אַז מֶען מוּז זִיךְ גוּט צוּהֶערְן וַוייל בַּאלְד קוּמְט שְׁאֵלוֹת...

דִי נַייעֶ אָפְּטֵיילוּנְג, אוּנְטֶערְוֶועגְנְס אִיז פוּל מִיט יְדִיעוֹת גֶעשְׁרִיבְּן אַזוֹי צִיעֶנְד. אִיךְ וַוארְט שׁוֹין קוֹים וַוייטֶער צוּ הֶערְן פוּן רֶבִּי נָתָנְ'ס גֶעשִׁיכְטֶע.

דִי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה אִיז שְׁטֶענְדִיג אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט אַצִינְד ווִיל אִיךְ אוֹיךְ נֶעמֶען אַ חֵלֶק דֶערִין דוּרְךְ אַלֵיין מִיטְטֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה'לֶע פוּן תְּפִלָּה צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיי אוּנְז:

אַ צַייט צוּרִיק זֶענֶען מִיר אַרִיבֶּער אַ גְרוֹיסֶע מוּטְשֶׁענִישׁ בַּיים אִיבֶּערְבּוֹיעֶן אוּנְזֶער בַּאלְקָאן. וֶוער עֶס אִיז שׁוֹין אָמָאל אַרִיבֶּער אַ בּוֹיעֶרַיי פַארְשְׁטֵייט וָואס דָאס מֵיינְט נָאכְלוֹיפְן אַרְבֶּעטֶער אוּן זִיךְ סְפְּרַאוֶוען מִיט דִי שְׁמוּץ אוּן אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ וָואס דָאס לָאזְט אִיבֶּער נִישְׁט פַאר זִיךְ אַלֵיין נָאר אַלֶע שְׁכֵנִים מוּזְן לֵיידְן דֶערְפוּן.

עֶנְדְלִיךְ אִין אַ גוּטֶע מַזָל'דִיגֶע שָׁעָה אִיז דֶער שֶׁטַח גֶעוֶוען גְרֵייט אַז מֶען זָאל אַרוֹיפְלֵייגְן דִי גְרַאטֶעס [צוֹים], אָן דֶעם אִיז דָאךְ נִישְׁט שַׁיָּיךְ אַרוֹיסְצוּגֵיין. אָבֶּער דֶער צוֹים אִינְסְטָאלַאטָאר הָאט אוּנְז אַרוּמְגֶעשְׁלֶעפְּט מִיט פוֹילֶע תֵּירוּצִים פוּן הַיינְט, מָארְגְן אוּן קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ.

שׁוֹין, אֵיין טָאג קְלִינְגְט עֶר אָן אַז עֶר קוּמְט אַרָאפּ. מִיר קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ גֶעפְרֵייט אוּן גֶעטַאנְצְן אַז עֶנְדְלִיךְ וֶועט מֶען שׁוֹין הָאבְּן וואוּ זִיךְ צוּ שְׁפִּילְן.

דער שְׁלֶעפֶּער קוּמְט אָן, עֶר שְׁוַויְיסְט צוּ אַלֶע גְרַאטֶעס און אוּפְּססס... בַּיי אֵיין ווִינְקְל פֶּעלְט אַ שְׁטִיקְל אַייזְן, גֶענוּג גְרוֹיס אִיז דֶער עֶפֶענוּנְג אַז מֶען קֶען אַרָאפְּפַאלְן חַס וְחָלִילָה.

"וָואס מֵיינְט דָאס?!

"אָה, דָאס??? כְ'הָאבּ פַארְגֶעסְן..."

אַזוֹי קְלָאצִיש און טַאמֶעוַואטֶע...

מִיר הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי גֶעבְּרוֹיזְט אוֹיף אִים. אַזָא גֹּלֶם. קוּמְסְט שׁוֹין יָא, טוּ אַ גַאנְצֶע אַרְבֶעט. (אוֹיף אַ גּוֹי מֶעג מֶען רֶעדְן לָשׁוֹן הָרָע...)

מַיין מַאמֶע הָאט אוּנְז דֶערְמַאנְט אַז נָאר דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער קֶען אוּנְז הֶעלְפְן, נִישְׁט דֶער אָדֶער יֶענֶער.

מַיין מַאמֶע אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אוּמְגֶעדוּלְדִיג, אִיבֶּערְהוֹיפְּט אַז מִיר הָאבְּן עֶרְוַוארְטֶעט גֶעסְט אוֹיף שַׁבָּת. מַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען אִין חוּץ לָאָרֶץ און מַיין מַאמֶע הָאט גֶעלַאדְנְט אַ מִשְׁפָּחָה וֶועלְכֶע וואוֹינֶען לַיידֶער אָן אַ טַאטֶע, אַז זֵיי זָאלְן קוּמֶען פַארבְּרֶענְגֶען אִיבֶּערְן שַׁבָּת.

זֵיי הָאבְּן בְּלִי עַיִן הָרָע עֶטְלִיכֶע אִינְגְלֶעך. מִיר הָאבְּן אַלֶע גֶעוואוּסְט אַז אַ בַּאלְקָאן אִיז קְרִיטִיש וִויכְטִיג.

מַיין מַאמֶע הָאט גֶעהֵייסְן מִתְפַּלֵל זַיין אַז אִין זְכוּת פוּן דִי מִצְוָה וָואס מִיר ווִילְן טוּן זָאל דִי בַּאלְקָאן גְרֵייט זַיין אוֹיף שַׁבָּת.

ס'קוּמְט דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט. אֵין קוֹל וְאֵין עוֹנֶה. נִישְׁטָא קַיין זֵכֶר פוּן קַיין אִינְסְטָאלַאטָאר, ווִי דִי עֶרְד זָאל אִים אֵיינְשְׁלִינְגֶען.

מַיין מַאמֶע קְלִינְגְט אִים אָן און עֶר מֶעקֶעט אַרוֹיס אַז עֶר הָאט אַ לְוָיָ'ה (פַאר אַלֶע שׂוֹנְאִים גֶעדַאכְט...).

"וָואס אִיז מִיט פְרֵייטָאג?"

"אָה, נֵיין. אִיךְ וֶועל נִישְׁט קֶענֶען..." אַזוֹי פָּשׁוּט און גְרָאד אוּנְז אָפְּגֶעפַּאטְשְׁט.

מִיר הָאבְּן אָבֶּער וַוייטֶער מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען. מַיין מַאמֶע הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז אוֹיב הָאט זִי נִישְׁט דֶעם בַּאלְקָאן וֶועט נִישְׁט זַיין וואוּ צוּ טְרֶעטְן דֶעם שַׁבָּת. ס'אִיז מַמָּשׁ קְרִיטִישׁ וִויכְטִיג.

בַּיינַאכְט קוּם אִיךְ אַהֵיים פוּן גַאס און צוּ מַיין אִיבֶּערַראשׁוּנְג זֶע אִיךְ ווִי דִי טִיר פוּן בַּאלְקָאן אִיז בְּרֵייט אָפְּן.

גֶעוַואלְד! וֶוער הָאט דָאס גֶעעֶפְנְט?! מַיין מַאמֶע אִיז גֶעשְׁטַאנֶען זַייעֶר שְׁטְרֶענְג דָאס נִישְׁט צוּ עֶפֶענֶען ווִילַאנְג דִי גְרַאטֶעס זֶענֶען נִישְׁט אִינְגַאנְצְן גֶעעֶנְדִיגְט. אִיךְ גִיבּ אַ קוּק און מַיינֶע אוֹיגְן עֶפֶענֶען זִיךְ בְּרֵייט, אַ שְׁטִיקְל אַייזְן פוּן דִי אַלְטֶע גְרַאטֶעס שְׁטֵייט בַּאפֶעסְטִיגְט בַּיים פֶעלֶערְדִיגְן ווִינְקְל. מַיין מַאמֶע הָאט גֶערוּפְן אַן אַרְבֶּעטֶער וָואס זָאל פַארְמַאכְן דִי גְרַאטֶעס פְּרָאווִיזָארִישׁ בִּיז דֶער שְׁלֶעפֶּער קוּמְט צוּקְרִיכְן צוּ עֶנְדִיגְן.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם! יֶענֶעם שַׁבָּת הָאבְּן מִיר בַּאנֵייט דִי בַּאלְקָאן אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים און גְמִילַת חֲסָדִים, דַאנְקְנְדִיג דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע זַיינֶע חֲסָדִים.

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק נָאכְאַמָאל פַארְן אוּנְז מְהַנֶּה זַיין יֶעדֶע וָואךְ. זָאל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער קֶענֶען הֶעלְפְן אַז מֶען זָאל צֶעשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּי'נְס אוֹר אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.



נ. ש.




## חלות מיט רויטע מעלאָנע

ר' חַיִּים סְטָאלֶער דֶער פְּשׁוּטֶ'ער אִידְל שְׁטֵייט אִין זַיין סְטָאלֶערַיי, עֶר הָאלְט אִינְמִיטְן צַאמְשְׁטֶעלְן שַׁאפֶּעס מִיט טִישְׁן און נָאךְ פַארְשִׁידֶענֶע שֵׁיינֶע מֶעבְּל.

ר' חַיִּים אַ פֵּייעֶרְדִיגֶער בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד אַ תַּלְמִיד פוּן ר' נָתָן וַוייסְט ווִיאַזוֹי צוּ אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט, וֶוען עֶר הָאלְט אִינְמִיטְן גְלַאט מַאכְן און אוֹיסְרַייבְּן דִי הָאלְץ גִיסְט עֶר זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ און לָאזְט פַאלְן טְרֶערְן בֶּעטְנְדִיג זִיךְ דֶערְבַּיי בַּיים בַּאשֶׁעפֶער: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הָאלְט דָא אִין הַאנְט אַ הָאלְצֶערְנֶע קְלָאץ און אִיךְ אַרְבֶּעט דָאס אוֹיס בִּיז עֶס וֶוערְט אַ שֵׁיין שְׁטִיקְל מֶעבְּל. בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ אוֹיךְ רֵיינִיגְן מַיין נְשָׁמָה מִיט מַיין הַארְץ עֶס זָאל אוֹיךְ וֶוערְן אַזוֹי שֵׁיין גְלַאט און זוֹיבֶּער ווִי דָאס הָאלְץ וָואס אִיךְ שַׁארְף אוֹיס אַזוֹי שֵׁיין."

לֵיידֶער הָאט ר' חַיִּים נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן קִינְדֶער. אֵיינְמָאל הָאט זִיךְ זַיין בְּנֵי־בַּית אָנְגֶערוּפְן מִיט אַ טַעֲנָה צוּ אִים: "אַלֶע חֲסִידִים גֵייעֶן זִיךְ וואוּנְטְשְׁן בַּיי ר' נָתָן און דוּ וָואס דוּ הָאסְט נָאךְ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער פַאר וָואס גֵייסְטוּ זִיךְ נִישְׁט וואוּנְטְשְׁן בַּיי אִים?" הָאט ר' חַיִּים אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "ר' נָתָן ווֵייסְט דֶען נִישְׁט אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט קֵיין קִינְדֶער? וָואס הָאבּ אִיךְ אִים צוּ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם, אַז דוּ ווִילְסְט, גֵיי דוּ און בֶּעט אִים אַ בְּרָכָה".

זִי אִיז טַאקֶע גֶעגַאנְגֶען און זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט נֶעבְּן ר' נָתָנְ'ס טִיר און אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אִין אַ גֶעוֵויין. ר' נָתָן גִיט אַ פְּרֶעג: "וֶוער אִיז דָארְט?" הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְצֵיילְן אִיר ווֵייטָאג און צַעַר, אַז עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער עֶטְלִיכֶע יָאר און זֵיי הָאבְּן נָאךְ נִישְׁט קֵיין קִינְדֶער. הָאט ר' נָתָן אִיר גֶעזָאגְט: "גֵיי אַהֵיים און זָאג פַאר דַיין מַאן עֶר זָאל אַרַיינֶעמֶען בַּיי זִיךְ צֶען גֶעסְט וָואס קוּמֶען צוּם קִבּוּץ אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה און זֵיי גֶעבְּן צוּ עֶסְן. אִיךְ מֵיין נִישְׁט אִיר זָאלְט גֶעבְּן פִישׁ און פְלֵייש, נָאר אֲפִילוּ פְּשׁוּטֶ'ע קוּילִיטְשׁ

מִיט קְאָװוּנֶעס (חַלּוֹת מִיט רוֹיטֶע מֶעלְאָן)״

הָאט דִי פְּרוֹי גְלַייךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט גְרוֹיס פְרֵייד: ״זִיכֶער, אִיךְ נֶעם זִיךְ שׁוֹין אוּנְטֶער אַרַיינְצוּנֶעמֶען דִי גֶעסְט אוּן אַלֶעס בַּאזָארְגְן פַאר זֵיי״.

ר׳ נָתָן זָאגְט אִיר: ״גֵיי קוֹדֶם פְרֶעגְן דַיין מַאן״. זִי אִיז טַאקֶע אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען אוּן פַארְצֵיילְט פַאר אִיר מַאן וָואס ר׳ נָתָן הָאט אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט.

הָאט זִיךְ ר׳ חַיִּים אָנְגֶערוּפְן: ״גֵיי צוּ ר׳ נָתָן אוּן זָאג אִים אַז אִיךְ וֶועל זֵיי גֶעבְּן פִישׁ אוּן פְלֵיישׁ אוֹיךְ״. זִי אִיז טַאקֶע צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען צוּ ר׳ נָתָן, אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דִי וֶוערְטֶער פוּן אִיר מַאן.

הָאט אִיר ר׳ נָתָן גֶעזָאגְט: ״וֶוען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אוּן אִיר וֶועט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַ קִינְד, זָאלְט אִיר אַ נָאמֶען גֶעבְּן דָאס קִינְד, ׳לֵוִי יִצְחָק׳ נָאכְן הֵיילִיגְן בַּארְדִיטְשׁוֹבֶ׳ער רַב זַצַ״ל״.

עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי גֶעוֶוען, אוּן עֶס אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ אִינְגֶעלֶע, מֶען הָאט דָאס קִינְד טַאקֶע אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן לֵוִי יִצְחָק. נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן נָאךְ אַ אִינְגֶעלֶע, הָאט מֶען אִים גֶערוּפְן יִשְׂרָאֵל נָאכְן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוּן דָאס אִיז דֶער בַּאוואוּסְטֶער ר׳ יִשְׂרָאֵל טְרָאוִויצֶער ז״ל.

דֶער זוּן ר׳ לֵוִי יִצְחָק אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן פַאר בְּעֵרֶךְ הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק, (תר״פ) זַיי זֶענֶען גֶעוֶוען כֹּהֲנִים אוּן וֶוען ר׳ לֵוִי יִצְחָק פְלֶעגְט אַרוֹיפְגֵיין דוּכֶענֶען, פְלֶעגְט עֶר בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת כֹּהֲנִים מִיט גָאר אַ גֶעשְׁמַאקֶע אוּן זִיסֶע שְׁטִימֶע.

שְׁפֶּעטֶער אִיז בַּיים ר׳ חַיִּים סְטָאלֶער אוֹיךְ גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ טָאכְטֶער וֶועלְכֶע הָאט אִין דִי שְׁפֶּעטֶערֶע יָארְן חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ ר׳ שַׁבְּתַי בְּרֶעסְלֶבֶ׳ער.

## א שטיקל בולקע א שטיקל טישטוך

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט ״אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים, אוּן מַאכְן אַ בֶּעט פַאר אַן גַאסְט״! אִין דָאס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין רֶבִּי׳נְס גָאר הֵיילִיגֶע סֵפֶר וָואס וֶוערְט גֶערוּפְן סֵפֶר הַנִּשְׂרָף.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט צוּ זַיין טָאכְטֶער שָׂרָה׳קֶע וֶועגְן דֶער עִנְיָן פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים אוּן הָאט זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן דִי מִצְוָה, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט זִי זָאל זִיךְ אַיינְגֶעווּאוֹינֶען צוּ טוּן דִי מִצְוָה.

הָאט שָׂרָה׳קֶע זִיךְ פַארְדַאֲגָה׳עט וִויאַזוֹי זִי קֶען יוֹצֵא זַיין אוּן טוּן דִי מִצְוָה וִוי מֶען דַארְף? הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיר גֶעזָאגְט: ״אַ גַאסְט – נָאךְ אַ שְׁטִיקְל בּוּלְקֶע אוּן אַ שְׁטִיקְל טִישְׁטוּךְ!״

ס׳אִיז גֶעוֶוען בַּיי אָדְלֶ׳ען אוֹיךְ אַ מַעֲשֶׂה, דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ אָדְלֶ׳ען, אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח, אָדְלֶ׳ע הָאט מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם רֶבִּי׳ן מִיט צְוֵויי קְנֵיידְלֶעך, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״דֶערְפַאר וֶועסְטוּ הָאבְּן צְוֵויי קִינְדֶער״! זִי הָאט גֶעהַאט אַ זוּן ״רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּער׳נְיוּ״ אוּן זִי הָאט גֶעהַאט אַ טָאכְטֶער ־ מָרַת רִבְקָה מִרְיָם.




אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר:

"אוּנְטֶערְוֶועגְנְס" אִיז אַ נַייעֶ סֶערִיֶע וואוּ מִיר וֶועלְן בְּעֵזֶר הַשֵּׁם אַרָאפּבְּרֶענְגֶען דָאס לֶעבְּן אוּן שַׁאפְן פוּן רֶבִּי נָתָן וֶועלְכֶער אִיז רוֹב פוּן זַיינֶע לֶעבְּנְס טֶעג גֶעוֶוען אוּנְטֶערְוֶועגְנְס. אוּן דַאן וֶוען עֶר הָאט זִיךְ מִיט גְרוֹיס פְלָאגֶענִישׁ גֶעוַואלְגֶערְט פוּן אֵיין שְׁטָאט צוּם אַנְדֶערְן הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צַאמְצוּשְׁטֶעלְן דָאס וָואס מִיר פַארְמָאגְן הַיינְט צוּטָאגְס. קוֹדֶם, רַייזְנְדִיג צוּ וַוייְלְן בְּצֵל קָדְשׁוֹ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, שְׁפֶּעטֶער נָאכְן רֶבִּינְ'ס פְטִירָה הָאט עֶר וַוייטֶער נִישְׁט גֶעהַאט קַיין מְנוּחָה נָאר גֶעגַאנְגֶען פוּן אֵיין שְׁטָאט צוּם צְוֵוייטְן צוּ מְחַזֵּק זַיין דִי חֲסִידִים, צַאמְנֶעמֶען גֶעלְט צוּ דְרוּקְן דִי סְפָרִים אוּן בּוֹיעֶן דֶעם קְלוֹיז, אוּן אִינְצְוִוישְׁן הָאט עֶר נָאךְ אָנְגֶעיָאגְט צוּ שְׁרַייבְּן זַיינֶע אֵייגֶענֶע חִדּוּשֵׁי תּוֹרָה, דָאס אַלֶעס אוּנְטֶער אַ הָאגְל פוּן הִתְנַגְדוּת אוּן רְדִיפוֹת. וֶוען מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין דָאס אַלֶעס, פַאלְט אַ פַּחַד וָואס רֶבִּי נָתָן אִין אַלְץ אַרִיבֶּער אִין זַיין קוּרְצְן לֶעבְּן...

מִיר הַאלְטְן דָארְט אַז רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן מִיט אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע כּוֹחוֹת אוּן כִּשְׁרוֹנוֹת וָואס עֶר הָאט אוֹיסְגֶענוּצְט צוּם גוּטְן. עֶר אִיז גֶעשְׁטִיגְן מַדְרֵיגָה לְדַרְגָּה בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען נָאךְ זַיין בַּר מִצְוָה צוּ חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט זַיין חָשׁוּבֶ'ע פְרוֹי, הָרַבָּנִית הַצַּדֶיקֶת מָרַת אֶסְתֵּר שֵׁיינְדְל אוֹיעֶרְבַּאךְ ע"ה, בַּת תַּלְמִיד חָכָם אוּן אִישָׁה צְנוּעָה.

אַצִינְד לֵיינְט וַוייטֶער:

רֶבִּי נָתָנְ'ס גְרוֹיסֶער שְׁוֶוער

מִיר וֶועלְן בְּעֵזֶר הַשֵּׁם פְּרוּבִּירְן אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען אַבִּיסְל פוּן רֶבִּי נָתָנְ'ס גְרוֹיסֶער שְׁוֶוער, הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי דָוִד צְבִי אוֹיעֶרְבַּאךְ זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה.

זַיין פָאטֶער, הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אֲרִי' לֵייבִּישׁ זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה אִיז בַּאווּאוּסְט גֶעוֶוען אַלְס גֶעוַואלְדִיגֶער גָאוֹן אוּן קָדוֹשׁ וֶועלְכֶער הָאט גֶעצוֹיגְן זַיין יִחוּס צוּ אַסַאךְ דוֹרוֹת פוּן רַבָּנִים אוּן גְדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל, אוּן זַיין מוּטֶער אִיז גֶעוֶוען הָאִשָּׁה הַחֲשׁוּבָה לֵאָה דְרֶעזִיל עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, דִי טָאכְטֶער פוּן הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק רֶבִּי משֶׁה זוֹלְקִיב פוּן לֶעמְבֶּערְג, אַן אֵיינִיקְל פוּן דֶעם גְרוֹיסְן גָאוֹן אוּן צַדִּיק רֶבִּי יִצְחָק - רָב אִין לוּדְמִיר, מְחַבֵּר פוּנֶעם סֵפֶר שִׂיחַ יִצְחָק אוּן חִדּוּשֵׁי מַהֲרִ"י, וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרוּדֶער פוּן דֶעם הֵיילִיגְן טוּרֵי זָהָב.

וֶוער רֶבִּי אֲרִי' לֵייבִּישׁ אִיז גֶעוֶוען, אִיז שְׁוֶוער פַאר אוּנְזֶערֶע קְלֵיינֶע מוֹחוֹת צוּ בַּאגְרַייפְן, מִיר קֶענֶען נָאר נָאכְזָאגְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אוֹיף אִים, "עֶר בַּאזִיצְט דִי נְשָׁמָה פוּן דֶעם הֵיילִיגְן

אֲמוֹרָא אַבַּיֵי!"

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעהַאט עֶטְלִיכֶע גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים וֶועלְכֶע זֶענֶען אָנְגֶערוּפְן גֶעוָוארְן מִיטְן טִיטוּל, "דִי חֶבְרַיָה קַדִישָׁא" אוּן רֶבִּי אֲרִי' לֵייבִּישׁ אִיז פַאֲרעכְנְט גֶעוֶוען צְוִוישְׁן זֵיי!

רֶבִּי אֲרִי' לֵייבִּישׁ הָאט גֶעדִינְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ קָאך אוּן בְּרֶען וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעלֶערְנְט זַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן אִיז גֶעוֶוען רָב אִין עֶטְלִיכֶע שְׁטֶעט, צוּם לֶעצְט אִין דִי שְׁטָאט סְטַאנִיסְלָאוו.

פַארְשְׁטֵייעֶן מִיר פוּן דֶעם אַז רֶבִּי דָוִד צְבִי הָאט גֶעהַאט דֶערְהוֹיבֶּענֶע עֶלְטֶערְן, וַוייל צוּ גֶעבּוֹירְן אַזַא הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה וָואס רֶבִּי דָוִד צְבִי הָאט בַּאזִיצְט, דַארְף מֶען זוֹכֶה זַיין, אוּן זֵיי הָאבְּן דָאס טַאקֶע זוֹכֶה גֶעוֶוען דוּרְך נִישְׁט קַיין פָּשׁוּטֶ'ע מִיטְלֶען.

ר' אֲרִי' לֵייבִּישׁ הָאט גֶעהַאט זִיבְּן טֶעכְטֶער אָבֶּער נִישְׁט קַיין זוּן. אַמָאל בַּיי אַ גֶעלֶעגֶנְהַייט הָאט עֶר זִיך מַזְכִּיר גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב. טְרָאץ דֶעם וָואס עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אוֹיף דֶער עֶלְטֶער הָאט עֶר נָאכְנִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן הָאפֶענוּנְג.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים טַאקֶע צוּגֶעזָאגְט אַ בֶּן זָכָר אוּן זִיך אוֹיסְגֶענוּמֶען אַ תְּנַאי אַז וֶוען ס'וֶועט קוּמֶען צוּם בְּרִית זָאל עֶר זַיין דֶער סַנְדָק אוּן אוֹיך בַּאקוּמֶען דֶעם זְכוּת פוּן אַ נָאמֶען גֶעבְּן דֶעם קִינְד.

רֶבִּי אֲרִי' לֵייבּוּשׁ הָאט פַארְשְׁטֵייט זִיך מַסְכִּים גֶעוֶוען דֶערוֹיף אָבֶּער אֵיין זַאך הָאט אִים נָאך גֶעוואוּנְדֶערְט: זַייעֶנְדִיג אַלֵיין אַ גֶעטְלִיכֶער מַאן אוּן בַּעַל רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, הָאט עֶר זִיך אָנְגֶערוּפְן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב, "אִיך בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען אִין אַלֶע הֵיכָלוֹת אִין עוֹלָם הָעֶלְיוֹן אוּן אִיך הָאבּ נִישְׁט גֶעפוּנֶען קַיין בֶּן זָכָר פַאר מִיך." אוֹיף דֶעם הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעעֶנְטְפֶערְט: "רִיכְטִיג, דוּ בִּיסְט גֶערֶעכְט, נָאר וִוִיבַּאלְד מִיר הָאט מֶען בַּאשֶׁערְט צְוֵויי זִין, גִיבּ אִיך דִיר אַוֶועק אֵיינֶע..."

הֶערְנְדִיג דִי דָאזִיגֶע רֵייד אִיז רֶבִּי אַרְיֵ'ה לֵייבּוּשׁ זֵייעֶר פְרֵיילִיך גֶעוָוארְן – אַזַא קְלָארֶע הַבְטָחָה פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעוֶוען עֶפֶּעס מֶער וִוי גֶערָאכְטְן. אוֹיך זַיין חָשׁוּבֶע פְרוֹי, דִי צַדֵיקֶת לֵאָה דְרֶעזִיל, אִיז אִיבֶּערְרַאשְׁט גֶעוָוארְן אוּן פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע תְּקוּפָה הָאבְּן זֵיי עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין גְרוֹיסֶע עֲבוֹדַת אוּן תַּעֲנִיתִים כְּדֵי זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ אַזַא הוֹיכֶע נְשָׁמָה.

בְּעֶרֶך אִין יָאר תק"ג אִיז דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט גֶעוָוארְן מִיט דִי פְרֵיילִיכֶע נַייעֶס אַז דֶער גֶעשֶׁעצְטֶער רָב אוּן מַנְהִיג, רֶבִּי אֲרִי' לֵייבּוּשׁ, אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט אַ בֶּן זָכָר!

גְרוֹיס אוּן קְלֵיין הָאבְּן זִיך גֶערִישְׁט אוֹיפְן בְּרִית וָואס וֶועט פָארְקוּמֶען אִין דִי אָנְוֶועזְנְהַייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב.

צוּם בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב עֶרְשִׁינֶען אִין זִיך גֶעזֶעצְט אוֹיפְן כִּסֵא אֵלִיָהוּ אַלְץ סַנְדָק פָארְן רַך הַנִמוֹל.

"וַיִקָרֵא שְׁמוֹ בְּיִשְׂרָאֵל דָוִד צְבִי," הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב פַייעֶרְלִיך אוֹיסְגֶערוּפְן!

אִין יֶענֶע מִינוּט הָאט אוֹיפְגֶעפְלַאקֶערְט אַ הֶעלִישֶׁע שֵׁיין וָואס הָאט שְׁפֶּעטֶער זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאלַייכְטְן דִי וֶועלְט מִיט זַיין גְאוֹנוּת אוּן פְּרִישׁוּת.

פָארְזֶעצוּנְג אי"ה קוּמֶענְדִיגֶע וָואך...

דֶער נָאךְ הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען (דְהַיְינוּ דֶער וָואס הָאט פְּרִיר קֵיין כֹּחַ נִיט גִיהַאט אוֹיף דִי פִּיס) עֶר וֶועט גֵיין צוּ דִי צְוֵויי טוֹיזִינְט בֶּערְג (הַנַּ"ל) עֶר זָאל זֶעהְן וָואס דָארְט טוּט זִיךְ. הָאט עֶר זִיךְ גִישְׁטֶעלְט פוּן וַוייטְן פוּן דִי צְוֵויי טוֹיזִינְט בֶּערְג.

הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז סֶע דָארְטְן דָא כַּמָּה וְכַמָּה אַלְפֵי אֲלָפִים וְרִבֵּי רְבָבוֹת מִשְׁפָּחוֹת פוּן שֵׁדִים. וָוארִין זֵיי זֶענֶען פָּרִים וְרָבִים אוּן הָאבְּן קִינְדֶער אַזוֹי וִוי מֶענְשְׁן.

אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פִּיל. אוּן עֶר הָאט גִיזֶעהְן זֵייעֶר מַלְכוּת אִיז גִיזֶעסְן אוֹיף אַ שְׁטוּל וָואס קֵיין שׁוּם יְלוּד אִשָּׁה (כְּלוֹמַר קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ) זִיצְט נִיט אוֹיף אַזוֹי אַ שְׁטוּל.

אוּן הָאט גִיזֶעהְן וִוי זֵיי מַאכְן לֵיצָנוּת. דֶער דֶערְצֵיילְט. אַז עֶר הָאט בַּיי דֶעם אַ קִינְד מַזִיק גִיוֶוען. אוּן דֶער דֶערְצֵיילְט. וִוי עֶר הָאט דֶעם אַ הַאנְט מַזִיק גִיוֶוען. אוּן דֶער דֶערְצֵיילְט. וִוי עֶר הָאט אַ פוּס מַזִיק גִיוֶוען. אוּן אַזוֹי אַנְדֶערֶע לֵיצָנוּת.

דֶערְוַוייל הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן. וִוי פָּאטֶער אוּן מוּטֶער גֵייעֶן אוּן וַויינֶען הָאט מֶען זֵיי גִיפְרֶעגְט וָואס וַויינְט אִיר. הָאבְּן זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. זֵיי הָאבִּין אַ זוּן. פְלֶעגְט זַיין שְׁטֵייגֶער צוּ זַיין עֶר זָאל גֵיין אִין זַיין וֶועג.

אוּן אִין דֶער צַייט פְלֶעגְט עֶר זִיךְ שׁוֹין אוּם קֶערִין אוּן הַיינְט אִיז שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט אוּן עֶר אִיז נָאךְ נִיט גִיקוּמֶען. (אוּן דָאס אִיז אַלְץ גִיוֶוען פוּן דִי שֵׁדִים דֶער פָּאטֶער מִיט דֶער מוּטֶער מִיט דֶעם זוּן) הָאט מֶען זֵיי גִיבְּרַאכְט צוּם מֶלֶךְ.

הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיהֵייסְן אַז מִיזָאל שִׁיקִין שְׁלוּחִים אִין גָאר דֶער וֶועלְט אַז מִיזָאל אִים גִיפִינֶען. וִוי דֶער פָּאטֶער מִיט דֶער מוּטֶער זֶענֶען קְרִיק גִיגַאנְגֶען פוּן דֶעם מֶלֶךְ.

הָאבִּין זֵיי בַּאגֶעגְנְט אֵיינֶעם וָואס דֶער אִיז אִין אֵיינֶעם גִיגַאנְגֶען מִיט זֵייעֶר זוּן הָאט עֶר זֵיי גִיפְרֶעגְט. וָואס וַויינְט אִיר. הָאבִּין זֵיי אִים דֶערְצֵיילְט. הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילִין. בַּאֲשֶׁר מִיר הָאבְּן גִיהַאט אַ קֶענְפִּי אוֹיף דֶעם יַם. וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען אוּנְזֶער אָרְט.

אִיז גִיגַאנְגֶען דֶער מֶלֶךְ וָואס צוּ אִים הָאט גִיקֶערְט דִי קֶענְפִּי. אוּן הָאט גִיוָואלְט דָארְט בּוֹיעֶן פַּאלַאצִין אוּן הָאט דָארְט שׁוֹין גִילֵייגְט אַ יְסוֹד (דְהַיְינוּ אַ גְרוּנְט) הָאט אַייעֶר זוּן גִיזָאגְט צוּ מִיר. אַז מִיר זָאלִין אִים מַזִיק זַיין.

זֶענֶען מִיר גִיגַאנְגֶען אוּן מִיר הָאבִּין אַוֶועק גִינוּמֶען דֶעם כֹּחַ פוּן דֶעם מֶלֶךְ. הָאט עֶר זִיךְ גִיפָּארִיט מִיט דָאקְטוֹירִים. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים נִיט גִקָאנְט הֶעלְפִין. הָאט עֶר זִיךְ אָן גִיהוֹיבִּין צוּ פָּארִין מִיט מְכַשְּׁפִים.

אִיז דָארְט גִיוֶוען אֵיין מְכַשֵּׁף וָואס עֶר הָאט גְוָואוּסְט זַיין מִשְׁפָּחָה מַיין מִשְׁפָּחָה הָאט עֶר נִיט גְוָואוּסְט אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶר מִיר גָאר נִיט גִיקֶענְט טְהוּן. נָאר זַיין מִשְׁפָּחָה הָאט עֶר גִיווּיסְט.

הָאט עֶר אִים גִיחַאפְּט אוּן עֶר אִיז אִים מְעַנֶּה זֵייעֶר (כְּלוֹמֶר עֶר פַּיינִיגְט אִים זֵייעֶר) הָאט מֶען אִים גִיבְּרַאכְט צוּם מֶלֶךְ (דְהַיְינוּ דֶעם שֵׁד וָואס עֶר הָאט דָאס אַלְץ דֶערְצֵיילְט) הָאט עֶר דָאס פַּאר דֶעם מֶלֶךְ אוֹיף דֶערְצֵיילְט.

הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט לָאז מֶען אוּם קֶערִין דֶעם כֹּחַ צוּ דֶעם מֶלֶךְ. הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט עֶס אִיז בַּיי אוּנְז גִיוֶוען אֵיינֶער וָואס עֶר הָאט קֵיין

כֹּחַ נִיט גִיהַאט.

הָאבִּין מִיר אִים אַוֶועק גִיגֶעבִּין דֶעם כֹּחַ. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט. לָאז מֶען בַּיי אִים אָפְּנֶעמֶען דֶעם כֹּחַ. אוּן לָאז מֶען אוּם קֶערִין צוּם מֶלֶךְ.

הָאט מֶען אִים גִיעֶנְפֶערְט. עֶר אִיז גִיוָוארְן אַ וָואלְקִין (דְהַיינוּ דֶער שֵׁד וָואס זֵיי הָאבִּין אִים אַוֶועק גִיגִיבֶּען דֶעם כֹּחַ פוּן דֶעם מֶלֶךְ אִיז דֶער שֵׁד גִיוָוארְן אַ וָואלְקִין)

הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט אַז מֶען זָאל רוּפִין דֶעם וָואלְקִין אוּן מִזָאל אִים בְּרֶענְגֶען אַהֶער. הָאט מֶען גִישִׁיקְט אַ שְׁלִיחַ נָאךְ אִים.

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען (דְהַיינוּ דֶער וָואס הָאט קֵיין כֹּחַ נִיט גִיהַאט אִין דִי פִּיס פְּרִיר. וָואס עֶר הָאט דָאס אַלְץ גִיזֶעהְן) לָאם אִיךְ נָאךְ גֵיין. וֶועל אִיךְ זֶעהְן וִוי אַזוֹי סֶע וֶוערְט פוּן דִי לַייט אַ וָואלְקִין. אִיז עֶר נָאךְ גִיגַאנְגֶען דֶעם שְׁלִיחַ. אוּן אִיז גִיקוּמֶען צוּ דֶער שְׁטָאט וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען דֶער וָואלְקִין.

הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט דִי שְׁטָאט לַייט. פַאר וָואס אִיז דָא אֵיין וָואלְקִין אִין שְׁטָאט. הָאבִּין זֵיי אִים גִיעֶנְפֶערְט. דָא אִין שְׁטָאט אִיז אַדְרַבָּא. קֵיין מָאל קֵיין וָואלְקִן נִישְׁט דָא. נָאר פוּן אַ צַייט הָאט אַזוֹי אַ וָואלְקִין בַּאדֶעקְט דִי שְׁטָאט.

אוּן דֶער שְׁלִיחַ אִיז גִיקוּמֶען אוּן הָאט גִירוּפְן דֶעם וָואלְקִן. אִיז עֶר אַוֶועק גִיגַאנְגֶען פוּן דָארְט. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען (דְהַיינוּ דֶער וָואס הָאט קֵיין כֹּחַ נִיט גִיהַאט אִין דִי פִּיס פְּרִיר) עֶר וֶועט זֵיי נָאךְ גֵיין עֶר זָאל הֶערִין וָואס זֵיי שְׁמוּסֶען.

הָאט עֶר גִיהֶערְט וִוי דֶער שְׁלִיחַ הָאט אִים גִיפְרֶעגְט וִוי קוּמְט עֶס וָואס דוּ בִּיסְט דָא גִיוָוארִין אַ וָואלְקִין. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילִין אַ מַעֲשֶׂה.

המשך פון זייט 12

# נִידְרִיגֶע לֵיצָנוּת

זִיךְ אוֹיף אוּן זָאגְט: "אוֹי, וָואס, כ'הָאבּ נִישְׁט אָנְגֶעגְרֵייט הַיינְט דִי גְרוֹיסֶע מִשְׁנָיוֹת?! וָואס אִיז גֶעשֶׁען הַיינְט... עֶר יָאגְט זִיךְ צוּם שַׁאפֶע. אִינְצְוִוישְׁן לַאכְט זִיךְ שְׁלוֹמִי אוּנְטֶער מִיט נָתָן'לֶע, זֵיי הָאבְּן הֲנָאָה פוּן דָוִד'לְס עֶרְנְסְקַייט אוּן אוֹיפְבְּרוּיז. נָאךְ אֵיין מִינוּט אִיז דָוִד'ל צוּרִיק אוֹיף זַיין פְּלַאץ וֶוען שְׁלוֹמִי רוּפְט זִיךְ אָן: "דוּ דַארְפְסְט גוּט זוּכְן אוֹיף אַלֶע טִישׁ". דָוִד'ל לוֹיפְט אַרוּמְקוּקְן אוֹיף אַלֶע טִישְׁן, עֶר זוּכְט אוּן זוּכְט... דִי צְוֵויי חֲבֵרִים גֵייעְן אִים נָאךְ. עֶר אִיז בַּאזָארְגְט, עֶר פְּרוּאוּוט טְרֶעפְן זַיין בַּאלִיבְּטְן מִשְׁנָיוֹת צְוִוישְׁן דִי הוֹיפְן סְפָרִים. זֵיי שְׁמֵייכְלֶען זִיךְ אוּנְטֶער... נָאךְ אַפָּאר מִינוּט קוּמְט דָוִד'ל צוּרִיק מִיט אַרָאפְּגֶעלָאזְטֶע נָאז. אָבֶּער דֶעמָאלְט הָאט שְׁלוֹמִי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דֶעם בַּאהַאלְטֶענֶעם מִשְׁנָיוֹת פוּן אוּנְטֶערְן טִישׁ אוּן זָאגְט מִיט שְׁפַּאס: נֶע, כ'הָאבּ סְתָּם גֶעמַאכְט אַ וֶוערְטְל...

אָבֶּער פַארְן אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען הָאט שְׁלוֹמִי פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט נִישְׁט וִוי מֶען מֶעג, עֶר הָאט חֲרָטָה גֶעהַאט אוּן גֶעבֶּעטְן מְחִילָה פוּן דָוִד'ל. צוּלֵייגְנְדִיג: "יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שוֹין דִי שְׁלֶעכְטִיגְקֵייט פוּן דִי שֵׁדִים פוּן אוּנְזֶער מַעֲשֶׂה, וַוייל לֵיצָנוּת אִיז דֶער שוֹרֶשׁ פוּן יֶעדֶע סָארְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּנְטֶער יֶעדְן דִבּוּר פוּן לֵיצָנוּת לִיגְט בַּאהַאלְטְן שְׁלֶעכְטִיגְקֵייט. דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה שְׁלֶעפְּט נָאךְ זִיךְ אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע אוּן נִידְרִיגֶע מִדּוֹת.



יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי נָאכְן דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית אִין בְּרֶסְלֶבֶ'ער שׁוּל אִין קַטָמוֹן, הָאבְּן הָרַב הֶחָסִיד ר' הִירְשׁ לֵייבּ לִיפְל זַ"ל אוּן הָרַב הֶחָסִיד ר שְׁמוּאֵל שַׁפִּירָא זַ"ל גֶעהַאט אַ טֶעגְלִיכְן קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען אִינְאֵיינֶעם אַ בְּרִיוו פוּן ר' נָתָן זַ"ל אִין סֵפֶר "עָלִים לִתְרוּפָה", זֵיי פְלֶעגְן זִיצְן צוּזַאמֶען מִיט אַ תְּמִימוּת אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי וֶוערְטֶער וָואס ר' נָתָן שְׁרַייבְּט פַאר זַיין יִצְחָק וֶוען זֵיי זוּכְן דָארְט רְמָזִים ווִי אַזוֹי זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אוּן בַּאנַייעְן אִין עֲבוֹדַת ה'.

הָרַב הֶחָסִיד ר' נַחְמָן בּוּרְשְׁטֵיין זַ"ל הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אִין אַ טָאג נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאט זִיךְ ר' הִירְשׁ לֵייבּ אָנְגֶערוּפְן צוּ אִים מִיט אַ רוּף: נַחְמָן! הֶער צוּ! סְ'אִיז גֶעקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן ר' נָתָן! אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערַראשְׁט, הָאט ר' נַחְמָן דֶערְצֵיילְט, כְּ'הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אֶפְשָׁר הָאט מֶען גֶעפוּנֶען עֶפֶּעס אַ נַייעֶ כְּתַב יַד אָדֶער אַן אַלְטְן דְרוּק פוּן אַ בְּרִיוו פוּן ר' נָתָן... צוּ זַיין וואוּנְדֶער הָאט ר' הִירְשׁ לֵייבּ אִים גֶענוּמֶען פַּארְלֵיינֶען הוֹיךְ אַ בְּרִיוו פוּן סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ עָלִים לִתְרוּפָה וואוּ עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן לוֹיטְן סֵדֶר לֶערְנֶען מִיט ר' שְׁמוּאֵל שַׁפִּירָא...

נָאךְ הָאט ר' נַחְמָן דֶערְצֵיילְט אַז אֵיין אַ יָאר סְפִירַת הָעֹמֶר צַייט הָאט ר' אַבְרָהְמֶ'לֶע שְׁטֶערְנְהַארְץ זַ"ל גֶעדַאווְנְט פַארְן עַמּוּד אוּן אַלֶע צוּזַאמֶען הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן מִיט קוֹלוֹת דִי סְפִירָה מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת, וֶוען ר' הִירְשׁ לֵייבּ לִיפְל שְׁטֵייט אִין אֵיין זַייט פוּן בֵּית מִדְרָשׁ אוּן ר' שְׁמוּאֵל שַׁפִּירָא אִין צְוֵוייטְן זַייט שְׁרַייעֶן אוּן בֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער וְאֶטָּהֵר וְאֶתְקַדֵּשׁ בִּקְדֻשָּׁה שֶׁל מַעְלָה,



וֶוען ר' נַחְמָן בּוּרְשְׁטֵיין אִיז אַרִיבֶּער נֶעבְּן ר' הִירְשׁ לֵייבּ הָאט עֶר גֶעהֶערְט ווִי עֶר זָאגְט אִיבֶּער דִי וֶוערְטֶער תַּתִּיר צְרוּרָה (פוּן דִי תְּפִלָּה אָנָּא בְּכֹחַ) אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל מִיט טְרֶערְן קְרֶעכְצְן אוּן גֶעוויין, תַּתִּיר צְרוּרָה... תַּתִּיר צְרוּרָה... רוֹב עוֹלָם אִיז שׁוֹין צוּגַאנְגֶען אוּן ר' הִירְשׁ לֵייבּ שְׁטֵייט נָאךְ אִין זַיין ווִינְקְל מִיט דִי וֶוערְטֶער תַּתִּיר צְרוּרָה, ר' נַחְמָן אִיז אַהֵיים אִין שְׁטוּב, עֶר הָאט גֶעגֶעסְן נַאכְטְמָאל אוּן זִיךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטְן אַ שְׁטִיק צַייט, שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר ווִידֶער צוּרִיקְגֶעקוּמֶען אִין שׁוּל אוּן צוּ זַיין גְרוֹיס וואוּנְדֶער זֶעעְן זַיינֶע אוֹיגְן ווִי ר' הִירְשׁ לֵייבּ שְׁטֵייט נָאךְ וַוייטֶער אִין זַיין ווִינְקְל מִיט טְרֶערְן אוּן בֶּעט זִיךְ בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים תַּתִּיר צְרוּרָה...

אוֹיף צוּמָארְגְנְס הָאט ר' נַחְמָן בַּאגֶעגְנְט ר' הִירְשׁ לֵייבּ אִין שׁוּל מִיט אִינְטֶערֶעסֶע פְרֶעגְט עֶר פוּן ר' הִירְשׁ לֵייבּ וָואס הָאט אִיר עֶפֶּעס אַזַא גֶעפִיל אִין דִי וֶוערְטֶער תַּתִּיר צְרוּרָה? וָואסְפַארַא כַּוָּנוֹת קֶען מֶען שׁוֹין מְכַוֵּון זַיין אִין אֶט דִי צְוֵויי וֶוערְטֶער אַזַא לַאנְגֶע צַייט? "אוֹי נַחְמָן," הָאט ר' הִירְשׁ לֵייבּ אַ קוּק גֶעגֶעבְּן אִין מַיינֶע אוֹיגְן, דֶערְצֵיילְט ר' נַחְמָן, "דֶער בַּעַל דָּבָר כַאפְּט דָאךְ דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן פַּארְקְנִיפְּט אִים אוּן פַּארְבִּינְדְט אִים מִיט זַיינֶע שְׁטְרִיקְן, עֶר זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען, נִישְׁט דַאוֶוענֶען, עֶר זָאל נִישְׁט זַיין הֵיילִיג אוּן אָפְּגֶעהִיט ווִי סְ'דַארְף צוּ זַיין, אַיי, ווִיפִיל דַארְפְן מִיר בֶּעטְן אוּן שְׁרַייעְן: 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם תַּתִּיר צְרוּרָה, בִּינְד אוּנְז אוֹיף! לֵייז אוּנְז אַרוֹיס פוּן דִי קְנִיפְּן וָואס דֶער בַּעַל דָּבָר הָאט אוּנְז פַארְבִּינְדְן....'

:pe ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## בחינה אויף סיפורי מעשיות
### די דריטע מעשה ־ דער הינקעדיגער (4)

**א. וואו אהין איז דער וואס האט נישט געקענט גיין נאכדעם געגאנגען?**
- ❑ ער איז צוריק געגאנגען צו די פלאץ וואס די זון און די לבנה טרעפן זיך
- ❑ ער איז צוריק געגאנגען צו די פלאץ וואו מ׳האט אים בא׳גזל׳ט
- ❑ ער איז געגאנגען צו די צוויי טויזענט בערג

**ב. וואס האט ער דארטן געזען?**
- ❑ די שדים וואו זיי מאכן ליצנות
- ❑ די שדים וואו זיי פארציילן פאר וועמען זיי האבן מזיק געווען
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. פארוואס האבן די טאטע מאמע פון די שדים געוויינט?**
- ❑ ווייל די שדים האבן זיי מזיק געווען
- ❑ ווייל שוין א לאנגע צייט וואס זייער זון איז נישט געקומען
- ❑ ווייל זיי האבן פארלוירן גאר א טייערע זאך

**ד. ווער האט געכאפט די זון פון די שדים , דער וואס איז פארלוירן געווארן?**
- ❑ זיין חבר וואס איז געגאנגען מיט אים יעדן טאג
- ❑ דער מלך וואס האט געבויט די פאלאץ
- ❑ דער כישוף מאכער וואס האט געוואוסט זיין משפחה

**ה. פארוואס האט ער אים געכאפט און געפייניגט?**
- ❑ ווייל ער האט מזיק געווען פאר דער מכשף
- ❑ ווייל ער האבן אוועק גענומען די כח פון דעם מלך וואס האט געבויט פאלאצן אויף׳ן ים
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ו. וואס האט דער מלך פון די שדים געהייסן אז מ׳זאל טון?**
- ❑ דערווייל זאל מען גארנישט טון
- ❑ אז מ׳זאל צוריק געבן די כח פאר דעם מלך וואס האט געבויט די פאלאצן
- ❑ אז מ׳זאל נישט צוריק געבן די כח פאר דעם מלך וואס האט געבויט די פאלאצן

**ז. וואס האט דער מלך פון די שדים געהייסן אז מ׳זאל טון ווען מ׳האט אים געענטפערט אז ער איז געווארן א ווָאלקן?**
- ❑ דערווייל זאל מען גארנישט טון
- ❑ אז מ׳זאל צוריק נעמען די כח פון דעם וואלקן און עס צוריק געבן פאר דעם מלך וואס האט געבויט די פאלאצן
- ❑ אז מ׳זאל רופן דעם וואלקן און מ׳זאל אים אהער ברענגען

**נָאר דָאס זָאלְט אִיר זֶעהְן תָּמִיד צוּ טָאן. אָן צוּ טְרֶעְנְקֶען בֵּיימֶער - מיט פיל הצלחה**



סיפּור־געדאנק

**~ וואו נאך אין סיפורי מעשיות ווערט דערמאנט מכשפים?**

**~ וועלכע זאכן וואס איז אין די מעשה פון דער וואך, האט דער רבי געבעטן מען זאל זיך זייער דערווייטערן דערפון?**

**תשובות אויף פאריגע וואך:** וואו נאך זעט מען איינער וואס איז ארויף אויף א בוים? **מעשה ב׳ מלך וקיסר:** און בַּיינַאכְט, פְּלֶעגְט זִי אַרוֹיפְגֵיין אוֹיף אַ ׳בּוֹים׳, כְּדֵי זִי זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיט פוּן דִי ׳חַיּוֹת׳! **מעשה י״א בן מלך ובן שפחה:** הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען - אוּן אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף אַ ׳בּוֹים׳ - אוּן הָאט דָארְט גֶענֶעכְטִיגְט.

געווינער אויף די בחינות פון דער חגר 3 איז הילד הח׳ שלום בנימין הערקאוויטש, ירושלים כתה ד׳
די מתנה קען מען באקומען ביים משגיח אין חדר ברסלב ר׳ משה געפנער הי״ו

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040

# נִידְרִיגֶע לֵיצָנוּת

דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט וִוי דֶער גֶעוֶועזֶענֶער חִגֵּר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי צְוֵויי טוֹיזְנְט בֶּערְג צוּ אוּמְקוּקְן וָואס דָארְט טוּט זִיךְ. אָנְקוּמֶענְדִיג הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט פוּנְדֶערְוַוייטְנְס פוּן דִי צְוֵויי טויזנט בֶּערְג, וֶוען קֶעגְן זַיינֶע אוֹיגְן גֶעפִינֶען זִיךְ טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶע טויזנטער מִשְׁפָּחוֹת פוּן שֵׁדִים, אוּן זֵיי מֶערְן זִיךְ מֶער אוּן מֶער. עֶר זֶעט זֵייעֶר מַלְכוּת זִיצְן אוֹיף אַ שְׁטוּל וָואס אַ גֶעוֶוענְלִיכֶער מֶענְטְשׁ זִיצְט נִישְׁט אוֹיף אַזַא סָארְט שְׁטוּל.

דַאן אִיז אִים גֶעוֶוען אַ וואוּנְדֶער צוּצוּזֶען זֵייעֶר נִידְרִיגֶע אוּן שְׁלֶעכְטֶע אוֹיפְפִירוּנְג, עֶר זֶעט וִוי זֵיי טְרֵייבְּן לֵצָנוּת. אֵיין שֵׁד דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעשֶׁעדִיגְט אֵיינֶעמְס קִינְד, דֶער צְוֵוייטֶער שֵׁד זָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעשֶׁעדִיגְט פַאר אֵיינֶעם אַ הַאנְט, אַ דְרִיטֶער דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעשֶׁעדִיגְט אֵיינֶעם דָאס פִּיס.

דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אַסַאךְ שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אָבֶּער דִי מִדּוֹת פוּן לֵיצָנוּת אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר אַ שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה וָואס הָאט אַ הַשְׁפָּעָה מֶער פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע מִדּוֹת, זִי קֶען צֶעוָוארְפְן אוּן אָפְּהַרְגֶ'נֶען יֶעדֶעס בִּיסְל גוּטס אוּן קְדוּשָּׁה וָואס דֶער מֶענְטְשׁ פַארְמָאגְט נָאךְ. אַ אִינְגְל דַארְף זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט זַיין אוּן זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן רֶעדְן אָדֶער הֶערְן רֵייד פוּן לֵיצָנוּת. וַוייל דָאס פְּלַאץ פוּן דִי

חִיצוֹנִים דָארְט וואוּ דִי קְלִפּוֹת גֶעפוּנֶען זִיךְ רַחֲמָנָא לִצְלַן וֶוערְט גֶערוּפְן 'מוֹשַׁב לֵצִים' וַוייל שְׁטֶענְדִיג טְרֵייבְּן זֵיי לֵיצָנוּת. (אוצר היראה ליצנות ב).



נָאךְ אַ טָאג חֵדֶר הָאבְּן זִיךְ דְרַיי אִינְגְלֶעךְ צוּגֶעאֵיילְט צוּם דֶערְנֶעבֶּנְדִיגֶער שׁוּל צוּ לֶערְנֶען אִינְאֵיינֶעם מִשְׁנָיוֹת, דָוִדְ'ל אִיז צוּם עֶרְשְׁט אַרַיין אִין שׁוּל, עֶר שְׁפַּאנְט גְלַייךְ צוּ צוּם סְפָרִים שַׁאפֶע, עֶר זוֹכְט אוֹיף דְרַיי מִשְׁנָיוֹת אוּן גְרֵייט עֶס אָן אוֹיפְן טִישׁ. נָאךְ אִים קוּמֶען אַרַיין שְׁלוֹמִי אוּן נָתָן'לֶע מִיט אַ גְלָאז טֵיי. זֵיי זֶעצְן זִיךְ צוּם טִישׁ אוּן דָוִדְ'ל גֵייט אַרוֹיס צוּם קַאוֶוע שְׁטִיבְּל זִיךְ אָנְגְרֵייטְן אַ גְלָאז קָאכֶעדִיגֶע טֵיי.

שְׁלוֹמִי מַאכְט צוּ אֵיין אוֹיג אוּן וִוינְקְט פַאר נָתָן'לֶע מִיט אַ הַאלְבֶּע שְׁמֵייכְל. עֶר נֶעמְט דֶעם גְרוֹיסְן מִשְׁנָיוֹת וָואס דָוִדְ'ל הָאט צוּגֶעגְרֵייט לֵייגְנְדִיג עֶס אוּנְטֶערְן טִישׁ וֶוען עֶר גְלַייכְט אוֹיס זַיינֶע פִּיס עֶס זָאל אוֹיסְזֶען אַז עֶר זִיצְט נָארְמַאל, אוּן מֶען זָאל נִישְׁט 'כַאפְּן' וואוּ דִי מִשְׁנָיוֹת בַּאהַאלְט זִיךְ...

דָוִדְ'ל דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ מִיטְן גְלָאז טֵיי, גְלַייךְ פְּרֶעגְט אִים שְׁלוֹמִי: "וָואס אִיז הַיינְט גֶעשֶׁען דָוִדְ'ל אַז דוּ הָאסְט צוּגֶעגְרֵייט נָאר צְוֵויי מִשְׁנָיוֹת?"... יֶעדְן טָאג זָאגְסְטוּ אַז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף מֶער צוּגְרֵייטְן דִי סְפָרִים..."

פוּן דָוִדְ'לְס מוֹיל קוּמְט אַרוֹיס אַ קְרֶעכְץ, עֶר הַאלְט זִיךְ לַאנְג נִישְׁט אוֹיף. אַבִּיסְל נֶערְוֶועז הֵייבְּט עֶר

המשך אויף זייט 9

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר מאיר יהוסף ראטנבערג הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעול תורה ומצוות למזל טוב